ב"ה

# זקניך ויאמרו לך

תלמוד תורה "תורה ויראה" דרב"י דסאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

פה לאנדאן יצ"ו

כתה ו' ז' ח'

פ' ויצא שנת תשע"א

**מיין טאטע הרה"ג ר' יואל מאקובעצקי שליט"א דערציילט:**

זיין באבע אלץ מיידל איז אמאל געווען ביי די הייליגע עצי חיים זצ"ל האט איר די עצי חיים געזאגט, טאמער וועסטו אלעס פאלגן דיין טאטע, זאג איך דיר צו אז דו וועסט האבן אריכת ימים און זוכה זיין צו א מאן א ת"ח, און מיין באבע האט טאקע זוכה געווען צו ביידע ברכות זי האט געלעבט זיבן און נייינציג יאר און איר מאן איז געווען הגה"צ ר' מנחם זאב שטערן זצ"ל ער איז געווען די רב אין גבעת שאול אין ירושלים.

(אברהם לייב מאקובעצקי)

**מיין טאטע מוה"ר יצחק סאלינסקי שליט"א דערציילט:**

אז מיין עלטער זיידע הרה"ח ר' מרדכי סאלינסקי ז"ל האט געארבעט אין די פאסט אפיס און ער האט זיך געדארפט פארהערן (ער האט געדארפט האבן א גרויסע הויפן פון בריוון און עס ארייגלייגן אין קעסטלעך לויט די געגענטער) און ער איז געגאנגען נאכן דאווענען און אויף די וועג צו די פאסט אפיס איז ער נאכגעגאנגען די דברי יואל ז"ע און ווען דער דברי יואל האט זיך איינגעדרייט האט ער אים באמערקט און ר' מרדכי איז צוגעגאנגען צו אים און אים געזאגט וועגן דער פארהער האט דער רבי אים געזאגט ס'איז שפעט, איך יאג מיך, נישט יעצט און ר' מרדכי האט עס אנגענומען פאר א ברכה און ער איז געגאנגען רואיגערהייט און ער האט אנגעפאנגען צו מאכן די פארהער און אינמיטן איז דער אפיציר אריינגעקומען און געזאגט אז עס איז שפעט, איך יאג מיך, גענוי די זעלבע ווערטער וואס דער דברי יואל האט געזאגט און ער האט געקענט צוענדיגן די פארהער פאר א פאר שעה. זי"ע!

(משה לייב סאלינסקי כתה ז)

**מיין זיידע ר' יעקב יודא עסטרייכער שליט"א דערציילט,**

אז איין יאר ראש השנה ווען מיין באבע שיחיו איז געגאנגען צו בית המדרש דאווענען שחרית, האט זי איבערגעלאזט אירע קליינע קינדער אינטער די אויפזיכט פון אן ערוואקסענע מיידל. פלוצלונג האט די מיידל באמערקט ווי איינער פון די קינדער שפילט זיך ביים עק שטוב מיט די סם פון די מייז, האט זי זיך זייער דערשראקן מורא האבענדיג אז דאס קינד האט חלילה אראפגעשלינגען אביסל פון די סם. זי איז שנעל אריבערגעלאפן צו בית מדרש אהיים רופן מיין באבע תחי', נישט וויסענדיג וואס צו טוהן, האט מיין באבע האט אלעמירט מיין זיידע, האט מיין זיידע מזכיר געווען דאס קינד פארן רבי'ן דער בעל דברי יואל זי"ע. (מען האט דעמאלס געהאלטן אין ביהמ"ד פאר שופר בלאזן), האט דער רבי ז"ל געענטפערט מיט א שמייכל "עס קען נישט זיין אז דאס קינד האט געגעסן פאר שופר בלאזן!"

דער רבי האט גע'עצה'ט אז מען זאל גיין מיט דאס קינד צו א געוויסע דאקטאר, וכך הוה, דער דאקטאר האט אינטערזיכט דאס קינד און טאקע באשטעטיגט אז עס פעלט ב"ה דאס קינד גארנישט. זי"ע.

(דוד אלי' עסטרייכער כתה ז)

## "ויקרא בהם שמי"

**איך הייס נאך מיין זיידע.**

איך הייס יואל יוסף גרינפעלד יואל הייס איך נאך דער דברי יואל זצ"ל

די ענוה און פשטות וואס דער רבי האט געהאט טראץ וואס ער איז געווען אזוי גרויס איז ער ממש געווען א יחיד במינו. ווי עס טוט ארויסווייזן די פאלגענדע עובדא, א איד מאנשי שלומינו איז אריין צום רבי'ן און האט גערעדט איבער די געוואלדיגע זכי'ה וואס די רבי האט געהאט זייענדיג דער אייציגע נישט אפצושניידן די הייליגע בארד און משחית זיין דעם צלם אלקים אינדערמיטן גיט זיך דער רבי א רוף אן מיט אזא פשטות, "איך בין דאך געווען מחויב זיך מוסר נפש זיין דערויף ווייל איך האב געשפירט ביי מיר אז איך האב נישט קיין אנדערע זכות וויאזוי און מיט וואס ניצול צו ווערן פון די רשעים." און יוסף הייס איך נאך מיין עלטער עלטער זיידע ר' יוסף ע"ה

(יואל יוסף גרינפעלד כתה ז')

**איך הייס שלום נאך מיין זיידע הרה"ח ר' שלום גראסבערג ז"ל:**

ער האט געהאט א גרויסע הכנסת אורחים הויז און ער איז געווען א גרויסע בעל מכנים אורח און ער האט אריינגעברענגט אסאך אורחים און ס'איז געווען נאך די וועלט קריג און ס'איז געווען אידן וואס זענען געווען ארעם און זיי האבן נישט געהאט קיין עסן און זיי זענען געקומען צו מיין זיידע און זיי האבן אויך גע'גנב'עט און נאך אלץ האט מיין זיידע אריינגענומען געסט און די אויבערשטער זאל העלפן אז איך זאל אויסוואקסן און גיין אין די וועגן אזוי ווי מיין זיידע.

(שלום פרידריך כתה ז)

**איך הייס נאך מיין עלטער זיידע ר׳ ישעי׳ שלעזינגער ז״ל**

מיין זיידע איז געבוירן כ״ט טבת תרע״ה, מ׳האט אים א נאמען געגעבן ישעי׳ה נאך זיין זיידע הגה״ק רבי ישעי׳ בנעט זצ״ל אב״ד קאלוב.

איינמאל האט מיין זיידע געזאגט איר ווייסט נישט וואס פאר א נסיונות מיר האבן אלע געהאט אין אלטן היים, מיר האבן געוואוינט אין א שטאט וואס רוב יוגנט זענען ערצויגן געווארן מאדערן אן תורה און יראה, איז ווי ווייט דארף איך דאנקען דעם באשעפער אז מיינע עלטערן האבן מיך געשיקט אין א ישיבה, איך האב געהאט רביים פון וועמען צו לערנען דרכי התורה והיראה, זיי האבן אויסגעגעבן אסאך געלט אז איך זאל אויסוואקסן א ערליכע איד ביי די צוועלעף יאר איז מיין זיידע געפארן לערנען אויף טאשנאד ביי הגה״ק ר׳ מרדכי בריסק זצוק״ל בעהמ״ס מהרי״ם בריסק און דארט האט ער בר מצוה געהאט נאך דעם איז ער געפארן קיין לאפאש, ביי הגה״ק ר׳ משה דוד טייטלבוים זי״ע אויך האט ער געלערנט ביי די רבי ז״ל דער דברי יואל. א שטיקל צייט פלעגט מיין זיידע לערנען מיט א איד א למדן, איינער פון מיין זיידע׳ס קינדער פלעגן קומען זיך טרעפן מיט מיין זיידע, איין טאג זעט ער אז דער איד זיצט אליין, פרעגט ער אים ווי איז מיין טאטע זאגט דער איד דיין טאטע קומט שוין נישט, ער האט עפעס א סיבה אז ער קען שוין נישט קומען דער זוהן איז געווארן פאר׳חידוש׳ט וואס האט פאסירט? איז דער זוהן געגאנגען אויפזוכן מיין זיידע, מיין זיידע האט געהאט עטליכע טעג געטוישט זיין סדר, נאך דעם האט ער זיך קובע געווען אין א אנדערע מקום תורה, האט דער זוהן אים געפרעגט וואס האט פאסירט האט מיין זיידע געזאגט דער איד קראצט זיך דעם קאפ אינמיטן לערנען און וואשט זיך נישט די הענט ער קען זיך נישט איינהאלטן און לערנט נישט בטהרה, און איך קען דאס נישט סובל זיין מיין זיידע פלעגט דאווענען מיט גרויס ברען ער פלעגט אנטוהן טלית ותפילין בערך א האלבע שעה פאר׳ן דאווענען, מיין זיידע פלעגט דאווענען מיט גרויס התעוררות ובפרט ביי "נשמת" און "אהבה רבה" ווען ער פלעגט פארגיסן טייכן טרערן. מיין זיידע פלעגט אויפנעמען יעדן איד בסבר פנים יפות ער האט נישט געווארט אויף כבוד פון קיינעם און נישט מקפיד געווען אויף כבוד, א ריכטיגע שפל ברך ער האט געקענט סובל זיין א בזיון (א אייגענע בזיון אבער נישט קיין בזיון ת״ח) מיין זיידע׳ס קינדער האבן דאס אלעמאל געזעהן ווי זייערע טאטע האט אלעס פארשוויגן ער האט בכלל נישט מקפיד געווען אויף זיין כבוד, איך האף צו גיין אין זיינע וועגן און זיין ערליך אזוי ווי אים.

(ישעי׳ שלעזינגער כתה ח׳)

**איך הייס אברהם ארי׳ה לייב מקובעצקי, אברהם נאך מיין עלטער זיידע ר׳ אברהם מקובעצקי זצ״ל:**

דער רב פון חארקאוו אין רוסלאנד, ער איז געווען אונטער די קאמוניסטישע רעזשים און האט זיך מוסר נפש געווען צו פארשפרייטן אידישקייט און וועגן דעם איז ער געזעצן אין תפיסה דארט, איך הייס ארי׳ה לייב נאך מיין זיידע ר׳ ארי׳ה לייב מקובעצקי זצ״ל די מחבר פון די ספר לב הארי, און נאך זיין פטירה האט ר׳ משה ארי׳ה פריינד זי״ע געזאגט ביי זיין לוי׳ה אזוי ווי די ארי הק׳ האט געזאגט ביי די לויה פון זיין רבי, ר׳ משה קורדיבורו זצ״ל אז ער איז אוועק פון די וועלט נאר וועגן די חטא פון די עץ הדעת נישט וועגן עבירות וואס ער האט געטוהן.

(אברהם ארי׳ה לייב מקובעצקי)

**איך הייס נאך דער הייליגער ריזינ׳ער זצ״ל:**

ווייל דער ברית איז געווען אין טאג פון יארצייט פון דער הייליגער רוזינ׳ער זצ״ל. דער הייליגער ר׳ ישראל פון ריזין האט זיך געפירט זייער וואונדערליך. דער הייליגער רוזינ׳ער האט געשטאמט פון דוד המלך און פלעגט זיך פירן אויסערליך ווי עס פאסט פאר איינעם פון א קעניג׳ס אפשטאם. ער האט געהאט פראכטיגע קליידער באצירט מיט גאלד און זילבער, זיין וואגן איז געווען געשפאנט צו פיהר זייער שטארקע פערד, זיין הויז ווי א פאלאץ מיט די בעסטע עסנס און געקעכטסן.

אבער דער רוזינ׳ער האט געזאגט אז אלעס וואס ער האט געטוהן איז לכבוד דעם אויבערשטן און ער אליין האט גארנישט געגאסן פון דער וועלט.

און טאקע דער הייליגע רוזינ׳ער האט קוים פארזוכט פון די טייערע מאלצייטן און איז זייער ווייניג געשלאפן, זיינע שיך וועלכע זענען באצירט געווען מיט גאלד האבן נישט געהאט קיין פאדעשוועס און אזוי האט דער רוזינ׳ער געטראטן אויף ערד און שטיינער, שניי און אייז אן קיינער זאל וויסן יעדער האט אים געזעהן ווי א קעניג.

דער אויבערשטער זאל העלפן איך זאל אויסוואקסן ווי עס פאסט זיך פאר איינער וואס טראגט דעם נאמען פון אזא גרויסער צדיק זי״ע ועכ״י.

(ישראל יוזשעף כתה ז׳)